מכון שער הבטחון
פותחים שער לחיים שלווים

# השגחה פרטית

וואונדערליכע 'השגחה פרטית' מעשיות פון היינטיגע צייטן - דערציילט אויף דער השגחה פרטית האטליין

פרשת פינחס תשפ"ג ◆ עלון מס': 117

## דברים שבלב

### דריי מצוות אין איין סעקונדע

ווען דער רבי אין חובת הלבבות ענדיגט ארומרעדן איבער די גרויסקייט פון קונה זיין די מידה פון בטחון און וויאזוי מען קומט אן צו איר, באטאנט דער רבי אז דער ווערן א בעל מדריגה אין די מידה פון בטחון געשעט נישט אין איין טאג, עס גייט שטאפלווייז, א טרעפל נאך א טרעפל.

דער רבי באטאנט אז מען קומט נישט אראפ אויף די וועלט א בעל בטחון. עס גייט אויף די פארקערטע זייט, און וועגן דעם דארף מען גיין אין איר א דרגה נאך א דרגה, ביז ווען קומט אן צו די העכסטע דרגה אין בטחון.

די ווערטער וואס דער רבי נוצט צו באשטימען די דרגות איז די 'הכרה', אז ווען א מענטש קומט אן צו אנערקענונג, ווייל דער אנערקענונג איז דער שליסל אנצוקומען צו די מידה פון בטחון.

דער לעבן פון א מענטש הייבט זיך אן מיטן געפיל אז ער ווייסט אלעס און אז ער קען אלעס. ווען ער איז קליין גלייבט ער אז די גרויסע כוחות געפינען זיך ביי זיינע עלטערן, און ווען ער וואקסט אונטער און ער ווערט גרעסער גייט עס אריבער צו אים, ער גלייבט אז ער קען אלעס, ווען נאר ביסלעכווייז הייבט ער אן צו אנערקענען אז ער קען אסאך, אבער ער קען נישט אלעס.

דורכאויס די יארן זעט ער איין מער און מער ווי ווייניג ער קען. זיין אנערקענונג ווערט שטערקער און שטערקער אז אלעס קומט פון הימל, און אז אויף אלעס דארף ער אנקומען צום בורא כל העולמים, ווייל ער קען גארנישט אליין.

דער רבי רעכנט אויס צען דרגות פון אנערקענונג. די העכסטע דרגה איז די דרגה צו וואס נאר נביאים און חסידים זענען זוכה. עס איז שווער צו זאגן אז א איד אין דעם היינטיגן דור זאל קענען אנקומען אזוי הויעך, אבער צו די ניינטע דרגה קען מען אפשר יא אנקומען און אויך צו דעם קומט מען אן נאך אסאך יגיעה און שווערע הארעוואניע, אבער מען דארף שטרעבן, ווייל אז מען פראבירט, אז מען לאזט זיך ארויס אויפן וועג קומען מען אן זייער ווייט.

ווען א איד קומט אן צו די ניינטע דרגה, אנערקענט ער אז הקב"ה איז א חומל אויף זיינע ברואים, אז אלע פעולות וואס ער טוט אויף די וועלט טוט ער מתוך חמלה.

ווען מען רעדט פון רחמנות האבן אויף א מענטש, קען מען נוצן די אויסדרוק פון 'רחמנות' און מען קען נוצן די אויסדרוק פון 'חמלה'.

די דרגה פון 'חמלה' איז א העכערע דרגה אין רחמנות. ווען עס רעדט זיך פון רחמנות קען מען זאגן אז אויך א גוי האט אין זיך די מידה פון רחמנות. ער דערבארעמט זיך אויף זיינע נאנטע, אויף זיינע באקאנטע, אבער ווען עס רעדט זיך פון 'חמלה' דאס איז עפעס וואס נאר א איד פארמאגט.

דער איד וועט חומל זיין אויף אלעס אין די וועלט און אויף יעדן. ווען א איד באגעגנט זיך מיט א צער פון א צווייטן, אפילו אז דער צווייטער האט נישט קיין שום שייכות מיט אים, וועט ער נישט קענען בלייבן גלייכגילטיג, ער וועט זוכן וואס ער קען טון פאר יענעם צו לינדערן זיין שמערץ אדער זיין ווייטאג, ווייל א איד האט די מידה פון חמלה, און צו די דרגה פון חמלה, צו פארשטיין אז וואס הקב"ה טוט מיט א איד אויף די וועלט נעמט זיך פון די מידת החמלה, קומט מען אן ביי די ניינטע דרגה.

ווען מען וועט זיך מתבונן זיין מיט א גרונטליכקייט אין די ניינטע דרגה וועט מען טרעפן אין איר אכצן פרטים וואס איז נוגע צו די דרגה. זוכנדיג נאך א צדיק וואס האט באזיצט די ניין דרגות, אז מיר זאלן זיך קענען מתבונן זיין אין זיינע מעשים און נאכגיין זיינע מימרות, האבן מיר באגעגנט איינער פון די צדיקים אויף וועמען מען קען זאגן אז ביי אים האט זיך געפינען די אלע דרגות און דאס איז דער צדיק רבי עקיבא, דער רבי פון רבי שמעון בר יוחאי.

דער בארימטער מאמר חז"ל [ברכות ס.] לְעוֹלָם יְהֵא אָדָם רָגִיל לוֹמַר כָּל מַה דְּעָבִיד רַחֲמָנָא לְטַב עָבִיד, האט רבי עקיבא געזאגט.

ווען א איד זאגט דער מאמר חז"ל "כל מה דעביד רחמנא לטב עביד" כאפט ער אריין דריי מצוות אויף איינמאל. אין די זעלבע מינוט לערנט ער די לשון הגמרא, די לשון השלחן ערוך סימן ר"ל סעיף ה' און די דריטע זאך איז אז ער איז מקיים די מצוה אין יענע מינוט.

מיר דארפן זיין גליקליך אז מיר האבן אזא מתנה און זיך פרייען מיט איר. צומאל וועלן מיר זיך פארגעסן אבער ווען מיר דערמאנען זיך דארפן מיר זיך גליקליך אז מיר זענען זוכה דערצו, אז מיר זענען זוכה צו שטייגן און אז ענדע וועלן מיר אנקומען צו די העכסטע דרגה אין בטחון און עס וועט מקויים ווערן ביי אונז דער פסוק 'והבוטח בהשם חסד יסובבנו, אמן

[ארויסגענומען פון שיעור 307 אין שער הבטחון וועלכע ווערט איבערגעגעבן אויף די 'השגחה פרטית' האטליניע]

די שיעורים ווערט ארויפגעלייגט דורכאויס די וואך - מען קען עס הערן ביי נומער 4 [נאכן אויסוועלן די שפראך וואס איר ווילט הערן]

## די וועכענטליכע השגחה

### א לעבן העכער די טבע

ווען ר' יום טוב האט יענער צופרי געבענטשט א ברכת הגומל האט די גאנצע שטאט גע'רעש'ט.

נאכן דאווענען האט ר' יום טוב דערציילט מיט באגייסטערונג דער אפענער נס, און דער יד השם וואס ער האט מיטגעלעבט יענעם טאג און וואס עס האט אים צוגעברענגט צו בענטשן די ברכה פון הגומל.

"איך בין אריינגעפאלן אין וואסער. איך האב אנגעהויבן זינקען אין די וואסער. עס האט געפעלט א האר אז איך זאל איינזינקען אין די וואסער, ווען פלוצלונג האב איך זיך באגעגנט מיט א גרויסער שטיין. דער נאטור פון א שטיין איז אז ער פאלט געווענליך אריין אין וואסער, אבער אין יענע מינוטן האב איך נישט געהאט די קאפ אויפן פלאץ צו מאכן די סארט חשבונות, איך האב זיך אנגעלאנט אויף די שטיין און וואונדער! די שטיין האט ממשיך געווען צו שווימען אויף די וואסער".

"א נס בתוך נס", האט ר' יום טוב אויסגעפירט מיט התלהבות.

"נישט נאר בין איך נישט דערטרונקען געווארן, נאר די וועג וויאזוי איך האב זיך געראטעוועט איז געווען דורך א שטיין".

די געשעעניש איז געווען די געשפרעך פון טאג! אלע האבן גערעדט פון דער עצם הצלה, און האבן געשטוינט וויאזוי די ישועה איז געקומען צוגיין דווקא פון א פארקערטער ריכטונג.

מען האט גערעדט אז ווען עס איז באשערט פאר איינעם צו ווערן געראטעוועט איז נישט דא קיין אפהאלט, אויך א זינקעדיגער שטיין קען מאכן די זאך.

געוויסע זאך־קענער האבן זיך צוגעשארט צו ר' יום טוב, זיי האבן נאר געוואלט וויסן וויאזוי ער האט זוכה געווען צו אזא נס.

אבער איידער מען האט אנגעהויבן דערגיין וויאזוי עס געשעט אזא גרויסער נס, האט זיך ארויסגעשטעלט אז דאס איז א נס וואס געשעט מיט אונז טאג־טעגליך.

יעדן טאג מאכן מיר די ברכה 'רוקע הארץ על המים'.

ווען מען וועט זיך מתבונן זיין, וועט מען איינזען אז עס טוט זיך דא אפ א געוואלדיגע הפלא'דיגע פלא.

די וועלט אויף וואס מיר גיין איז א שטיק שטיין, אונטער די שטיין איז דא וואסער, נאטורליך וואלט די שטיין געדארפט אריינפאלן אין די וואסער אבער אנשטאט דעם זענען מיר אין א לעבעדיגע וועלט, מען גייט און מען קומט, קיין איינער זינקט נישט איין, אלעס האלט זיך.

דער אלשיך הק' אין תהלים [קלו] איז מאריך אויף די ווערטער 'לרוקע הארץ על המים', און ער שמועסט אויס אז דער עצם זאך אז די ערד שטייט העכער די וואסער איז א שטארקער צער פאר די ערד, ווייל עס איז קעגן די נאטור פון די ערד.

פארוואס טאקע האט הקב"ה געמאכט אזוי? מען וואלט דאך געקענט מאכן אז איין זייט פון די וועלט זאל זיין וואסער און ביי די צווייטע זייט זאל זיין ערד, נאר הקב"ה האט געוואלט לערנען מיט אונז געוויסע נקודה, אז די וועלט איז קעגן די טבע, ווייל אזוי וועט א מענטש אלעמאל זען און געדענקען פון דער "כי לעולם חסדו".

דער רבש"ע ווייזט פארן איד אז ער האלט אים אָן אין די וועלט שלא כדרך הטבע.

אויף די שטענדיגע נס אז א איד קען ארויפלייגן זיינע פיס אויף די ערד, אויף דעם דאנקט מען הקב"ה, ווייל דאס לערנט אונז אויס אז די וועלט איז העכער די טבע.

גוט שבת, **פינחס שפר**

# ניסיך שבכל יום

וואונדערליכע השגחה פרטית געשיכטעס דערציילט אויף די השגחה פרטית האטליין

## א שליחות אין שפיטאל

אין די קומענדיגע טעג וועל איך אפצייכענען גאנצע פינף חדשים וואס מיין טאכטער געפינט זיך אין שפיטאל אויף באהאנדלונגען.

עס איז א שווערע איבערלעבעניש, איך ווינטש עס פאר קיין איינעם נישט. אויסער די ענדלאזע דאגה, די צאפעלניש וואס וועט זיין, ווילאנג וועט עס נאך געדויערן, וויאזוי וועט זיך עס ענדיגן, איז עס אויך א טעכנישער איבערלעבעניש.

די פאָרערעיי, די אומבאקוועמליכקייט אין שפיטאל, די ענגשאפט און די נסיונות סיי אין שמירת עינים, די ביטול תורה, די בענקעניש צו זיצן אין שול אין לערנען, איך האב זיך קיינמאל נישט אזוי געבענקט צו די גמרא, צו די חברותא, אבער מער ווי אלעס איז עס די נאָגנדע שאלה וואס זוך איך דא? וואס וויל מען פון הימל פאר מיר? מיר ווייסן דאך אז יעדער זאך אין די וועלט האט א תכלית, א ציל, אבער איך שפיר אז דא ווייס איך נישט וואס דער ציל איז מיט דער אפזיצן דארט אזוי לאנג.

נאטורליך קומט מיר אויס צו רעדן אסאך מיט מיין טאכטער. איך דערצייל איר מעשיות פון צדיקים, וויאזוי אידן זענען ארויסגעקראכן פון אזוינע מצבים און צוזאמען זענען מיר זיך מחזק מיט די הייליגע אמונה, אז וואס עס איז יעצט - גייט נישט בלייבן אייביג, אז ענדע וועט מען ארויסגיין פון דא, אז זי וועט נאך זיין געזונט און שטארק.

נעבן אונז ליגט א צווייטע אידיש קינד. אויך זי איז שוין דארט א שטיק צייט, אבער זיי זענען ליידער זייער ווייט פון אידישקייט, זיי האבן פארלוירן יעדן טראפ נאנטקייט.

צווישן אונז און זיי טיילט אפ א דינע פירהאנג.

זי ליגט דארט און פון צייט צו צייט הער איך זיך איין וויאזוי זיי רעדן צו איר

## מיין פערזענליכער דערמאנונג פון דעם צדיק

מיין נאמען איז משה און איך וואוין אין ירושלים:

די מעשה וואס איך גיי דא שילדערן האט זיך אפגעשפילט פאראיאר אין דעם גרויסן טאג כ"ב תמוז - דער יארצייט טאג פון הרה"ק רבי שלמה קארלינער זי"ע וועלכער ליגט אין די שטאט לודמיר.

דער ארט איז א תל תלפיות און אידן וואס פארן אהין אויפן יארצייט דערציילן גרויסע זאכן איבער זיין דארט און אויך איבער די גרויסע ישועות וואס מען זעט דארט.

מיין פערזענליכער קשר צו דעם ארט האט זיך אנגעהויבן דורך מיין גרויסער רבי הרה"ג רבי מאיר סירוטה שליט"א.

די ארבעט פון דעם חשובער רב שליט"א ברענגט ארום ער זאל ארומפארן אין אלע שטעט לענגאויס אוקראיינע און באזוכן די הייליגע קברים און ווי ער איז מעיד האט ער געשפירט א ספעציעלע קדושה אין דעם ארט, ווייל ווי באקאנט איז דא אזאנע וואס זענען מעיד אז מען שפירט אויפן ארט א קדושה, אזוי ווי מען שטייט ביי אים בחיים חיותו.

די עדות'שאפט פון מיין רבי האט מיר אהינגעשלעפט און איך האב זיך געגרייט אהין צו פארן דער פארלאפענער יאר אבער למעשה האט זיך עס נישט אויסגעשטעלט. וויסנדיג אז מיין רבי פלאנט צופארן האב איך זיך געגרייט אים צוגעבן א קוויטעל אבער איך האב פארגעסן פון דעם.

עס האט מיר זייער וויי געטאן. איך האב אזוי שטארק געוואלט זיין דארט, איך האב אזוי שטארק געוואלט שיקן א קוויטעל צום דעם ארט אבער גארנישט האט נישט געארבעט. אזוי פאר'דאגה'ט איבער מיין דורכפאל קלינגט מיין טעלעפאן און אויף די ליניע איז א טעלעפאן ליניע וואס זאגט אז ווער עס וויל קען דא ארייגזאגן זיין נאמען און מען וועט עס מזכיר זיין ביים ציון.

דער רעדנער אין טעלעפאן האט געוואלט אראפגעבן א פראקטישער ביישפיל וויאזוי די זאך גייט צו און זיך אנגערופן אז למשל אויב דיין נאמען איז 'משה בן רבקה' זאג אריין 'משה' און נאכדעם זאג 'בן רבקה'.

איך בין געבליבן שטיין ערשיטערט, איך אליין הייס 'משה בן רבקה'.

די זאך האט מיר מורא'דיג באנומען, איך האב געשפירט אז דער רבי רעדט צו מיר אליין, ער דערמאנט מיר איבער די קשר צו אים.

זאל דער זכות פון רבינו שלמה בן יוטא מגין זיין אויף אונז און אויפן גאנצן כלל ישראל אז מען זאל געהאלפן ווערן מיט די גאולה שלימה בקרוב ובמהרה.

## יעדער 'שפעטיגונג' איז צום גוטן

ווען איך האב זיך ארייגעזעצט אין מיין קאר יענעם פרייטאג צופרי מיטן ציל זיך ארויסצולאזן אויפן וועג צו מיין טעגליכע שיעור, בין איך געווען זיכער אז איך האב געגוג און נאך צייט אנצוקומען צו די שיעור באצייטנס.

די שיעור, וואו איך באטייליג זיך, הייבט זיך אן אין נאך א פערטל שעה, און די וועג געדויערט נישט מער ווי צען מינוט. איך האב גערעכנט אז איך האב נאך געגוג און נאך צייט, אבער דער רבש"ע האט אנדערש צוגעפירט.

איך האב זיך ארייגעזעצט אין די קאר, איך האב אנגעצינדן די מאטאר און מיטאמאל זע איך ווי פאר מיין נאז שטעלט זיך אפ א דעליווערי טראק און בלאקירט מיט די וועג.

איך האב געווארט א מינוט ער זאל עפענען די וועג, אבער ער האט זיך נישט גערירט פון פלאץ. ווען עס האט אנגעהויבן ווערן לענגער און נאך לענגער האב איך פארלוירן מיין געדולד, איך בין ארויס פון מיין קאר און האב איך זיך דערנענטערט צו די טראק, אבער עס איז נישט געווען מיט וועמען צו רעדן. עס האט זיך ארויסגעשטעלט אז דער טראק דעליווערט עלעקטערישע געצייג ווי וואש־מאשינען, טרוקן־מאשינען, אויוועגעס און ווארשיינליך האלט ער אינמיטן א דעליווערי.

איך האב געשפירט ווי איך פלאץ. איך פארשטיי אויך אז מען דארף דעליווערן די מאשינען, אבער די שאסיי געהערט נישט נאר פאר דיר, אין אזא פאל דארף מען עס מאכן איינס־צוויי און זיך נישט פארזוימען אזוי לאנג.

זעענדיג אז איך האב נישט צו וועמען צו רעדן, האב איך אנגעהויבן זוכן א טעלעפאן נומער וואו איך קען קלינגען. איך האב געטראפן דער נומער פון די פירמע. איך האב זיי ארייגעקלינגען. זיי האבן מיר געזאגט אז זיי גייען אפירזוכן דעם דרייווער און אים פארהאלטן פאר זיין התנהגות.

ווען עס איז אריבער נאך עטליכע מינוט און דער דרייווער איז נאך אלץ נישט געווען דא, האב איך צוריקגעקלינגען די פירמע. זיי האבן מיר געזאגט אז זיי האבן אנטדעקט דעם דרייווער און געבעטן אז איך זאל נישט שרייען אויף אים.


אלפי יהודים כבר יושבים
ומתענגים על המגזין החדש
והמושקע
השגחה פרטית לכל המשפחה
הצטרפו גם אתם התקשרו עוד היום ל-
02-6246845
ניתן להצטרף גם
בעמדת נדרים פלוס
תחת השם:
"מגזין השגחה פרטית"
בן בטחו
סיפורים קצרים ועובדות מגדולי ישראל בנושא אמונה ובטחון
שטח פרטי
סיפורים אישיים על השגחה פרטית
להתעמק
מאמר עומק
בחזית האמונה
סיפור אישי

"איך זאל נישט שרייען אויף אים? פארוואס נישט? ווער מיינט איז ער? די שאסיי איז זיינס"?
אריינטראכטנדיג אזוי איבער די געשעעניש, האב איך זיך מיישב געווען אז איך בין דאך א איד, איך ארבעט אויף השגחה פרטית און איך גלייב דאך אז גארנישט געשעט נישט פון זיך אליין, זיכער איז דער שפעטיגונג לטובה.
איך האב זיך געשטארקט. ווי נאר די זאך איז אריין אין מיין קאפ איז דער דרייווער ארויסגעקומען אינדרויסן און זיך ארויסגעלאזט אין וועג, און מיר זענען געפארן אונזער רייזע.
למעשה האט אויך די שיעור געשפעטיגט, איך האב נישט עכטיג פארפעלט עפעס צוליב די שלעפעריי.
איר טראכט זיכער אז די מעשה האט א המשך, אבער עס ענדיגט זיך דא.
עס ענדיגט זיך מיט דעם אז איך האב הנאה געהאט פון דעם פאקט אז איך האב זיך געקענט איינהאלטן און איך בין נישט געווארן אין כעס אדער זיך אריינגעלאזט אין א ווערטער־אויסטויש.
איך האב געשפירט אויף מיינע אייגענע הויט אז פון לעבן מיט אמונה און בטחון פארדינט מען אסאך.
דאס לעבן איז בעסער, שענער, רייכער, מיין טאג איז געווען גליקליכער און רואיגער.
אז מען שטעלט זיך פאָר וואס וואלט געשען ווען איך פיר זיך פארקערט - קען איך באגרייפן וויאזוי איך וואלט געהאט אסאך עגמת נפש ווען איך שטארק זיך אויף מיינע גערעגטקייט.

# די כח פון א ריינע תפילה

עס רעדט דא יאסל פון די שטאט אשדוד:
אין די לעצטערע יארן ארבעט איך אלץ א סופר סת"ם אין מיין שטאט. עס איז דא פארשידענע סארט סופרים. אנדערע שרייבן ספרי תורה, אבער איך געב זיך בעיקר אפ מיטן שרייבן מזוזות.
מען קען זאגן אז אין די לעצטערע יארן איז עס גאנץ א פיינע פרנסה, דער עולם נויטיגט זיך אין מזוזות, און אז מען ארבעט אויף איר מיט א פלייסיגקייט קען מען לייזן דערביי גאנץ לייטיש.
אין די ערשטע שטיק צייט האב איך געזען אין איר א גרויסע הצלחה, אבער אין די לעצטע צייט האבן זאכן אנגעהויבן צוגיין שווערער, און איך האב זיך אנגעהויבן זען אין שטוב מיט זייער אסאך מזוזות, אן וואס איינער זאל עס וועלן אויסלייזן פון מיר.
זעענדיג אז איך בלייב שטעקן מיט אסאך סחורה, האב איך אנגעהויבן ארומקלינגען צו די סוחרים וועלכע פלעגן אלעמאל אפקויפן פון מיר מזוזות, און זיי געפרעגט צי זיי זוכן מעגליך אפצוקויפן מזוזות, אבער יעדער איינער האט זיך ארויסגעדרייט פון מיר.
מאנכע האבן געזאגט אז יעצט איז זייער א שוואכע סעזאן, אז דער עולם קויפט נישט קיין דירות. אנדערע האבן געזאגט אז עס איז לעצטנס דא א שפע פון סופרים, אז די מאַרק איז פארפלייצט מיט מזוזות און מען דארף נישט קיין נייע.
די סוחרים זענען געווען אָפּטימיסטיש. יעדער פון זיי האט מיר געמוטיגט זאגנדיג אז עס איז א שאלה פון צייט ווילאנג די קריזיס וועט זיך ענדיגן. איך האב זיך געשטארקט פון זיינע ווערטער, אבער מיט 'ווערטער' קען מען נישט צאלן אין געשעפט, און די טעשער האבן אנגעהויבן ווערן ליידיגער און ליידיגער, אז איך האב נישט געהאט מיט וואס צו צוגיין צום טיש.
ביז דעמאלטס פלעג איך זיך אלעמאל אפהאלטן פון בארגן געלט פון אנדערע, איך האב זיך אויך צוריקגעהאלטן פון נוצן א קרעדיט־קארטל אבער זעענדיג ווי מיין מצב ווערט ערגער און ערגער, האב איך מיט אן ערנסטקייט געקלערט צו טוישן מיין שטייגער און אנהייבן איינצוקויפן אויף קרעדיט.
די סארט אומעטיגע געדאנקען האבן אנגעהויבן צו נעסטן ביי מיר אין קאפ, ווען מיין ווייב ווענדט זיך צו מיר און אויפגעהייטערט זאגט זי מיר:
"דארפסט מער נישט זארגן. איך האב יעצט געדאוונט מנחה, און געבעטן ביי השי"ת אז נאך היינט זאל מען אפקויפן פון דיר אלע מזוזות".
זי האט עס געזאגט מיט אזא שטארקקייט, אז איך האב אפילו נישט געקענט טראכטן אנדערש, אבער איך האב איר נישט געוואלט גלייבן, איך האב נישט געוואלט אננעמען אירע ווערטער.
"אפשר ווילסטו אריינקלינגען צו א סוחר און אים פרעגן צי ער וויל מזוזות"?
זי איז געווען אזוי שטארק און פול מיט האפענונג, אז זי האט נאר געוואלט אז איך זאל אויך ווערן איבערגענומען פון אירע ווערטער, אבער איך האב נישט געקענט פועל'ן ביי מיר צו מאכן אזא טעלעפאן־קלינג.
די ביטערע טעם פון הערן איינמאל נאכן צווייטן די קלינגענדיגע 'ניין' האט מיר נישט געלאזט אנקלינגען א צווייטן.
איך האב עס געשטופט, אבער פון הימל האט מען מיר געוויזן אז אויך אן מיין טעלעפאן וועל איך זען א ישועה. עס איז נישט אריבער א לאנגער צייט און מיין טעלעפאן האט זיך צוקלונגען, אויפן ליניע איז געווען א סוחר.
"עס איז דיר געבליבן מזוזות"? האט ער געוואלט וויסן.
"זיכער".
"איך דארף אלע...".
ביז עטליכע שעה איז די געלט געווען אין שטוב, איך האב געזען בחוש וויאזוי השי"ת זארגט זיך פאר מיר און האט אויסגעהערט די תפילה פון מיין ווייב.
די כח פון אן אידישע תפילה וואס קומט ארויס מעומקא דלבא איז זייער גרויס, עס שאקלט הימלען.

און וויאזוי מען מוטיגט איר. אסאך זאכן וואס זיי זאגן איז ענדליך צו דאס וואס מיר זאגן, אבער עס פעלט דער קוועטש, דער געדאנק אונטער די ווערטער, און אסאך מאל דארף איך זיך איינהאלטן נישט צו זיין דער וואס זאגט זיי די ווערטער, און געבן א טעם פאר די האפענונג, פאר די ליידן, בפרט ווען מען רעדט אויך פון אידן וואס געפינען זיך אין די זעלבע פעקל ווי אונז, אבער איך האב זיך אלעמאל איינגעהאלטן פון רעדן, ווער בין איך צו זאגן מוסר?
עס איז געווען ערב שבועות. אין דעם טאג גרייט מען זיך אין אלע שטיבער אריינצוברענגען דעם הייליגן יום טוב, מען באדעקט די טירן מיט בלומען, מען פולט אן די פרידזשערן מיט מילכיגע קוכן, און איך זיץ מיר דא.
אין יענער טאג האב איך געטראכט אז היינט איז א שעת הכושר. איך האב אנגעהויבן רעדן מיט זיי איבער די גרויסקייט פון דעם טאג, וויאזוי מען קען פועל'ן אין אזא טאג, איבער די ספר תהלים, איבער די כח וואס זי האט.
איך האב גערעדט מיט הארץ און איך האב געזען ווי עס גייט זיי אריין אין הארץ, וויאזוי זיי קוקן ארויס אויף דעם, און וויאזוי די ווערטער זעטיגן זייער זעל, אז מען האט געזען ווי עס ווערט זיי לעכטיג אין די אויגן.
זיי האבן דערציילט אז זיי זענען אייניקלעך פון דער הייליגער בארדיטשעווער רב זי"ע.
ביני לביני האט די פרוי מיר א זאג געגעבן, אז זי טראכט ביי זיך אז עס איז איר ווערד געווען אריבערצוגיין אזא שוועריגקייט בלויז צו הערן אזעלכע ווערטער.
זעענדיג ווי זיי נעמען עס מיט אזא ערנסטקייט, האב איך געטראכט צו מיר אז ווער ווייסט צי דאס איז נישט די סיבה פארוואס איך בין דא אין שפיטאל.
נאך אלעם ווייס איך דאך נישט פארוואס איך בין דא, אבער אפשר איז עס א שליחות פון הימל אז איך זאל דערוועקן זייער באהאלטענער און פארשלאפענער פונק.




# צוהערער פרעגן

## שאלות און תשובות אין די טעמעס פון אמונה און

עס גייט נישט אריבער א טאג וואס איך וועל נישט ארייקלינגען אין באנק און אויסהערן אויפן סיסטעם וואס עס טוט זיך אין באנק. וויפיל געלט איז אריין אין מיין קאנטע און וויפיל געלט עס איז ארויס. אזוי אויך בין איך בודק צו זען אויב די ערווארטעטע סומעס וואס דארפן אריינקומען זענען שוין אריינגעקומען. עס איז ביי מיר א רוטין, און עס מאכט מיר גוט אויפן הארצן. לעצטנס האב איך אנגעהויבן אריינטראכטן צי עס איז א גוטער זאך. חז"ל זאגן אדם ממשמש בכיסו בכל שעה ושעה, אבער אפשר איז דא אין דעם א פגם אין די אמונה. איך וואלט זיך געפריידט צו הערן פון אנדערע וואס איז זייער מיינונג איבער די נושא.

שאלה נומער 68

י' ל', מודיעין עילית

**אויפמערקזאמקייט: די אלע דערמאנטע תשובות וואס ווערן דא אראפגעברענגט זענען נישט קיין תשובות אויף הלכה למעשה. עס איז נאר א שמועס צווישן חברים דורך די חשובע לייענער. אויף די הלכה למעשה פון יעדער איינער זאל זיך יעדער מקיים דער 'עשה לך רב' און אנפרעגן ביי זיין פוסק אין די ענינים.**

# מצווה, רשות, איסור

**הרב חיים מאיר דאסקאל פון אלעד, הרב יהודה געווירצמאן פון בית שמש והרב דוד לייפער פון ירושלים:** דער שואל שטעלט פאָר זיין פראגע און איז משלב אין די שאלה דער לשון הגמרא פון 'אדם עשוי למשמש בכיסו בכל שעה ושעה'. דער שואל באנוצט זיך מיט דעם לשון הגמרא אבער ווען מען קוקט אריין אין די גמרא טרעפט מען אז די גמרא באנוצט זיך מיט דעם לשון רעדנדיג פון די סוגיא פון ייאוש שלא מדעת. די גמרא דערמאנט עס נישט דווקא אלץ מעלה. ווען מען איז זיך מתבונן אין דער מנהג קען מען אנמערקן אויף איר אז עס איז דא אין דעם א שטיקל פגם אין די בטחון. עס קען זיין אז עס איז גוטע זאך נאכצוקוקן די באנק טאג־טעגליך, אבער רובא דרובא מאל איז עס נאר וועגן פרעשור צו זען ווי מען האלט אויף די וועלט געלטוויז, און אזא זאך קען זיך שוין גרעניצן מיט א פגם אין די מידה פון בטחון.

**הרב רפאל שפיגלמאן פון ירושלים, הרב חיים שטערן פון ביתר עילית והרב אלעד שליט פון מודיעין עילית:** מיר זאגן טאג־טעגליך ביים דאווענען די ווערטער 'לעולם יהא אדם' - אז פאר מען גייט אריין און מען איז דן איבער די מידה פון בטחון דארף מען זיין א מענטש. די נארמאלקייט פון א מענטש איז גורם אז דער מענטש זאל זיין געזעצט, און לעבן אין א שטענדיגער זארג איז נישט קיין מענטשליכע מידה, עס ווייזט אז דער מענטש איז נישט באלאנסירט און קען נישט אויפהערן צו לעבן מיט דאגה. דער מענטש דארף ארבעטן אויף זיך און זיין אויסגעארבעט אין די מידה פון בטחון.

**הרב שמעון שפירא פון בית שמש, הרב יהושע לעווי פון ירושלים, הרב זאב אריה שטיגליץ פון בני ברק, הרב שלמה שמעון ראטמאן פון בית שמש און הרב גמליאל הכהן רבינוביץ פון רחובות:** אויב מען טוט עס מיט א מטרה, ווייל מען וויל לעבן מיט א סדר, איז עס א גוטער זאך. אבער אויב מען האט נישט דערביי קיין מטרה, נאר ווייל מען גייט לײדיג, גייט עס נישט אריין אין גדר פון א גוטער זאך און עס ווייזט אויך אויף חוסר אמונה.

**הרב רפאל זית פון בית שמש, הרב יצחק עזרא כהן פון ביתר עילית און הרב צבי יעקב וויינבערגער פון אשדוד:** עס איז דא א מעלה אין נאכגיין די חשבונות און עס קאנטראלירן. מיר טרעפן שוין אזא זאך אין חז"ל אין מסכתות חולין (קה.): "דאמר שמואל מאן דסייר נכסיה כל יומא משכח אסתירא", אבער מען דארף עס מאכן בחכמה ובתבונה, אויסגערעכנט און מיט א קלוגשאפט.

**הרב אברהם בערנהויט פון בני ברק און הרב רפאל טורא פון בני ברק:** דער סימן פון א בעל בטחון איז אז ער לעבט א געזעצטער לעבן. ער ווערט נישט צי מרוגש פון געלט און דאגעגן ווערט ער נישט צי טרויעריג ווען ער האט נישט קיין געלט. דער ווערן איבערגענומען פון געלט אדער די פארקערטע איז א צייכן אויף א פגם אין די מידה פון בטחון.

**הרב שמואל מאיר ווייס פון אשדוד:** די מידה פון נייגער איז א שלעכטע מידהף אזוי לאנג ווי עס איז נישט משועבד צו עבודת השם.

א ריכטיגע הגדרה אויף דעם האט געגעבן **הרב יוסף כהן פון בני ברק:** אויב די מטרה פון דער כסדר'דיגע נאכקוקעניש איז צו זען אויב אלעס קלאפט איז עס א **מצוה**; אויב איז עס וועגן נייגעריגקייט איז עס בגדר **רשות**; אבער ווען ער קלינגט און ער פרעגט מתוך דאגה איז עס **אסור.**

**הרב יואל צבי טאבאק פון אלעד און הרב נח גד וויינטרויב פון קרית גת:** אויב איז עס א געוויסער סארט צוגעבינדנקייט וואס מען ווערט צוגעבינדן דערצו איז עס זיכער נישט א גוטער זאך. עס גייט אריין אין די הגדרה פון עדיקשען און עס איז ראטזאם אז מען זאל זיך אפגעוואוינען פון דעם באצייטנס.

**הרב משה מנחם לעווין פון מודיעין עילית:** אז א מענטש שפירט אז ער האט א נייגונג צו געלט זאל ער כאטש אויסנוצן זיין נאטור פאר גוטע זאכן און עפענען מיט די געלט א גמ"ח און פארבארגן געלט פאר אנדערע, אדער אנדערע גוטע זאכן וואס מען קען טון מיט געלט.

**בכל דרכיך דעהו - אויסנוצן די נטייה אויף עבודת השם**

**הרב יוסף דושינסקי פון חיפה, הרב אברהם אהרון דושינסקי פון בית שמש, הרב חיים לייב מאטלין פון מודיעין עילית, הרב אהרון בייפוס פון רכסים, הרב שמעון כחלון פון חיפה און הרב חיים מאיר וויזניצער פון בני ברק:** אויב דער מענטש זעט אז ער האט די נאטור, איז ראטזאם אז ער זאל עס אויסנוצן אויף גוטע זאכן, אז דורכדעם זאל ער אנקומען צו לויבן השי"ת אויף אלע גוטע זאכן וואס ער טוט מיט אים, אז יעדע מאל וואס ער הערט אז עס איז ארייגעגאנגען געלט אין די קאנטע זאל ער לויבן השי"ת אז עס איז אריין געגאנגען געלט און דורכדעם שטייגן העכער אין עבודת השם. **הרב צבי תומר פון ירושלים** איז מוסיף צו דעם געדאנק און ברענגט אראפ לעכטיגע ווערטער פון דעם הייליגן חפץ חיים אין זיין ספר שם עולם (סוף פ"ג): אז ער האט אמאל געהערט אז א געוויסער גאון האט געזאגט אז א מענטש זאל זיך כסדר מתבונן זיין אין זיינע געשעפטן, ווייל אין יעדע געשעפט וואס א מענטש מאכט קען מען טרעפן אין איר א נקודה וויאזוי זיך צו שטארקן אין די מידה פון בטחון ווי א געוויסער חסד וואס עס האט פאסירט דירעקט מיט אים, אדער וויאזוי עס האט זיך עקסטער געפירט לטובה און אפילו אז ער טרעפט נישט ממש אין די זאך אליין זאל ער זיך דערגרינטעוועןן צו די שורש פון די זאך, און עס וועט אויסקומען אז פון זיינע געשעפטן וועט ער אנקומען צו זען די השגחה העליונה אין אלע זיינע זאכן.

**הרב שמעון חביב פון קרית מלאכי, הרב זלמן חדש פון ירושלים והרב יוסף בער גליקזאן פון קוממיות:** אויב דער איד טוט די פעולה ווייל דורכדעם וועט ער זוכה זיין צו הרחבת הדעת און מרומם זיין די רוח, איז נישט דא קיין חסרון אין די זאך. פארקערט, מען באגעגנט זיך מערערע מאל אז גדולי ישראל האבן זיך געשפילט מיט געלט ביים לערנען צו דערהייבן זייער גייסט. **צו דעם געדאנק לייגט צו הרב אביגדור ראזנטאל פון בני ברק:** אז אויך אויב אויבנאויף טרעפט מען נישט קיין חסרון אין די זאך, איז עס אבער א שאד די צייט ווייל אין די זעלבע צייט קען מען טון בעסערע זאכן, ווי זיך איינהערן צו די השגחה פרטית האטליניע אדער אנדערע זאכן.

## א שאלה פאר עלון 119

עס איז שוין א שטיק צייט וואס איך גיי אריבער אסאך שוועריגקייטן און איך לייד פון ביטערע יסורים און איך זע נישט קיין עק דערצו. איך בעט דערויף און איך דאוון אז עס זאל ווערן בעסער, אבער זאכן רוקן זיך נישט. איך שפיר זיך אין א מצב פון א הסתר פנים, ווי אלעס ארום מיר איז פארקנאקט און פארזעצט. איך וואלט זייער געוואלט הערן וויאזוי קען מען זיך מוטיגן און שטארקן אין אזא מצב, ווען מען שפירט אזא שטארקע הסתרה.

י.מ. ירושלים

**איבערצוגעבן שאלות און ענטפערס:**

איבערצולאזן מעסעדזשעס אויף דער האטליין נומער 02-30-11-300 נאכן אויסוועלן א שפראך דרוקט 3 > 5 [דער רעקארדינג באגרעניצט צו 3 מינוט] | אין אימעיל T023011300@gmail.com | אין פקס 02-6599-189

**ענטפערס וועלן אנגענומען ווערן ביז זונטאג פרשת בלק. און וועלן ווערן אנגענומען נאר מיט א גאנצער נאמען און די שטאט - דער נאמען פון דער פרעגער און שטאט וועט געשריבן ווערן אין ראשי תיבות.**

# א פינטעלע ליכטיגקייט

## אויסצויגן פון שיעורי המשפיעים אין האטליין

### א נקודה פון דער וואונדערליכער שיעור פון הרה"צ ר' בעריש שנעבאלג שליט"א

# באקען זיך מיט דיר אליין

דער סדר העולם איז, אז ווען א מענטש שפירט זיך נישט גוט און ער האט די מינדעסטע חשש אז די ווייטאג איז אן ערנסטער זאך, וועט ער נישט זיין רואיג ביז ווען ער וועט מאכן אלע ערליי טעסטן אין די וועלט, און דערגיין פון וועלכע קראנקייט ער לײדט.

אין פאל אז עס וועט זיך ארויסשטעלן אז זיין חשש איז ליידער אמת, אז ער ליידט פון עפעס, וועט ער טון אלעס וואס ער קען צו זיין געזונט.

און איך שטיי און איך וואונדער זיך!

יעדער פון אונז איז אראפגעקומען אויף די וועלט מיט א קלארע ציל. מיר זענען דא אויסצוארבעטן אונזערע מידות און צו צוברעכן אונזערע שלעכטע נאטורן. עס איז דא צווישן אונז אזוינע וואס זענען שטארק געשלאגן אין די שלעכטע מידות און עס איז דא אזעלכע וואס האבן ווייניגער שלעכטע מידות, אבער יעדער האט אביסל פון דעם, און אויב אזוי, פארוואס שטעלט זיך נישט דער מענטש אפ און ער איז זיך מתבונן אויף וועלכע שלעכטע מידה ער לײדט און זיך באקענען מיט זיינע שוואכקייטן און דערגיין אין וועלכער הינזיכט ער דארף זיך פארבעסערן, און וואו עס פעלט זיך אים אויס א רוחניות'דיגע רפואה.

דער אמת איז, אז עס איז נישט אזוי גרינג עס צו דערגיין.

מען דערציילט אז מען האט זיך אמאל נאכגעפרעגט ביי איינער פון די גדולי ישראל וואס ער קען דערציילן איבער זיין הויז־בחור. צום וואונדער פון די נאכפרעגער האט דער גדול בישראל געזאגט אז ער קען נישט דעם בחור. די נאכפרעגער האבן זיך זייער געוואונדערט.

וויאזוי קען דאס זיין? ער דרייט זיך דאך א גאנצער צייט ביים גדול בישראל. האט דער גדול בישראל געגעבן צו פארשטיין אז חז"ל זאגן אז א מענטש דערקענט מען אין דריי מצבים. מען דערקענט אים 'בכוסו, בכיסו ובכעסו', און איך האב נאך קיינמאל נישט באגעגנט דעם בחור אין איינס פון די דריי מצבים, אייביג איז ער גוט אויפגעלייגט.

ווען א מענטש געפינט זיך אין זיין געוועגליכער שטייגער, ער איז נישט עקסטער אויפגערעגט אדער נערוועז איז זייער שווער אים צו דערקענען.

אין אזא צייט קען דער מענטש נישט וויסן אויף וועלכער שוואכקייט ער לײדט, די זאך הייבט זיך אן דערקענען ווען ער גייט אריין אין איינער פון די דריי דערמאנטע מצבים.

רעדנדיג אמאל מיט א חשוב'ער איד וואס ארבעט אויף זיך און וויל שטייגן העכער אין די מידה פון חסד, האט ער מיר אמאל געזאגט אז ער ארבעט אויף זיך צו פארבעסערן זיין מידת החסד. איך האב זיך געוואונדערט אויף אים. "דו ביסט דאך באקאנט אלץ איש החסד"? האב איך אים געפרעגט.

זאגט מיר דער איד, אז אמת טאקע אז ער טוט מעשי החסד, אבער ער האט זיך באשטימט צוויי שעה אין טאג ווען ער איז עוסק אין מעשי החסד, און ווען א איד וועט זיך ווענדן צו אים - נישט אין די צוויי שעה - שטערט עס אים זייער שטארק.

דער איד איז א ביישפיל פון א איד וואס קען זיך און האלט זיך אין איין נאכקוקן ווי איז זיין שטאפל אין די מידה פון חסד.

מיט א שטיק צייט צוריק איז געקומען צו מיר א איד און מיר דערציילט אן אינטערעסאנטער עפיזאד. דער איד האט דערציילט אז זיצנדיג מיט זיינע חברים האבן זיי זיך מתבונן געווען וויאזוי זיי קענען זיך פארבעסערן אין די מידה פון חסד.

איינער פון די אידן האט זיך געגעבן א רוף אָן אז ער נעמט זיך אונטער אז ווען א קינד וועט אים אפשטעלן אין גאס און בעטן אז ער זאל אים אריבערפירן די גאס וועט ער עס טון מיט די גרעסטע געשמאק, און אויך אז אויב א קינד וועט אים בעטן צו בארגן א טעלעפאן וועט ער עס טון.

אין יענעם טאג בין איך אריין אין א געשעפט און אויפן וועג ארויס הער איך ווי א אינגל רופט מיר. אין יענע מינוט האב איך פארגעסן פון מיין קבלה טובה און איך האב איגנארירט דאס קינד. איך גיי ווייטער און איך הער נאכאמאל ווי א קינד רופט מיר, איך האב אים געוואלט איגנארירן, אבער דאן האב איך זיך דערמאנט פון מיין קבלה טובה און איך בין שטיין געבליבן דארט.

דאס קינד ווייזט מיר אז מיין זעקל איז לעכעריג און א גלאזערנער פלאש האלט ביים ארויספאלן פון איר.

האט דער יונגערמאן אויסגעפירט: זע וואספארא השגחה פרטית, א דאנק די קבלה, האב איך זיך געראטעוועט פון א שאדן.

ווען דער יונגערמאן האט געענדיגט די מעשה האב איך אים געזאגט אז ווען ער גייט ווייטער און די פלאש פאלט ארויס און עס צוברעכט זיך וואלט ער שאדן געהאט א טייערע וויין פלאש, אבער די שאדן פון נישט ארבעטן אויף די מידות, אפצולעבן א לעבן און זיך נישט טוישן איז אסאך א הארבערע זאך.

זאל הקב"ה העלפן אז מען זאל זיך קענען מתקן זיין די מידות גרינגערהייט, אמן ואמן.

**די שיעורים פון הרב שנעבאלג ווערן ארויפגעלייגט א מאל אין צוויי וואכן אויף אידיש און א מאל אין צוויי וואכן אויף העברעאיש אין נומער 2 > 3 [נאכן אויסוועלן די**

# א פרטיות'דיגע השפעה

## מצד ד באמוטער

פון טיפעניש פון הארץ וויל איך זיך באדאנקען פאר אייך פאר די שיינע און אינהאלטסרייכע האטליניע וואס איר שטעלט צו פארן כלל ישראל, און א באזונדערע דאנק פאר די 'שיחת חברים' אפטיילונג וואס גייט ארויף אויפן האטליניע איינמאל א וואך. די שמועסן איז מלא תוכן וחיות, עס לעבט אויף דער מענטש און איך נעם ארויס פון איר חיות אויף א גאנצער וואך. חזקו ואמצו.

## מצד די געבער

עס איז געווען אנהייב ווינטער ווען איך האב זיך פאָרגענומען אז איך גיי זיין א טייל פון אויסשפרייטן די גליונות פון השגחה פרטית לזכות אז איך זאל טרעפן א גרינג און שנעל א שידוך פאר מיין טאכטער. עס האט נישט געדויערט מער ווי צוויי וואכן און מיין טאכטער איז געווארן א כלה. אין צוויי וואכן פון היינט קומט פאר די שמחת החתונה און איך וויל בעטן אז מען זאל טוישן די בקשה, אנשטאט צו שרייבן אז זי זאל געהאלפן ווערן מיט א שידוך, וויל איך בעטן אז מען זאל מתפלל זיין פאר מיר אז מען זאל זוכה זיין צו גרויסע שפע סיי פאר די הוצאות החתונה און סיי פאר די בעלי שמחה.

י.מ. בית שמש


נעם דו אויך א חלק אין די באוועגונג אויסצושפרייטן אמונה איבער די וועלט

און זיי זוכה צו די הייליגע הבטחה פון זוה"ק

צו האבן קינדער און קינדס קינדער יראים ושלמים

רוף יעצט אריין: 02.6313.742

| העברה לבנק | משלוח בדואר | בעמדות נדרים |
| --- | --- | --- |
| לאומי סניף 902 | לת.ד. 5475 | פלוס על שם |
| חשבון 57390056 | ירושלים | 'שער הבטחון' |

## טייערע לייענער

לעת עתה ווערט אונזער גליון דאהי נאר פארשפרייט אין די אי מעיל'ס אדער אין די געדרוקטע קובצים פון די גליונות.

מיר האפן זייער שטארק אז בקרוב וועלן מיר קענען דרוקן עקסטער אונזער גליון אבער אויף דערווייל שטעלן מיר צו די מעגליכקייט איר זאלט עס קענען דרוקן פאר א מינימאלישע פרייז.

אויב ווילט איר מזכה זיין די מתפללים אין אייער בית המדרש אדער פארטיילן די רייכע גליון אין אייער געגענט פארבינדט זיך מיט אונז אויפ'ן נומער:

9722-6-313-742

ווילט איר אנטייל נעמען אויסצושפרייטן די גליון אין אייער געגנט

קלינגט אריין אין אפיס

02-5866-075

מענטשליכער ענטפער צווישן די שעות 12:00 און 14:00

אויב איז נישטא קיין ענטפער לאזט איבער א מעסעדזש אין אלע שעות פון טאג


דער ציל פון דעם גליון איז מקרב צו זיין אידן לעבודת השם. חלילה אז ער זאל שפערן א איד דאווענען אדער איסהערן קריאת התורה